"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
## "גאולה בתוך הגלות"
- הכנה לפורים -

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

מאמר ג'
חודש אדר ב' שנת תשפ"ב לפ"ק

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

בא"י 0765997840

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

~ ~ ~

נעשה בפיקוח **"מוסדות קרן אור"** – בנשיאת מורינו הגה"צ שליט"א


נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


בגלותי לגאלינו.......................................................ג
ליהודים היתה תורה ...............................................ד
דער סוד ווערט נתגלה...............................................ה
ס'שאקלט נישט קיין בלעטל אָן השי"ת ...........................ז
ווי האט דער אויבערשטער געמאכט אזא מין הסתרה?!..............ח
הסתרה איז א מחלה..................................................ט
קדושה ברעכט דער טבע! ...........................................יא
יסוד הפורים – שמירת הברית.......................................יב
תיקוני פורים.........................................................יג
צוויי משמחים.......................................................יד
סגולת שמחת פורים..................................................טז
נאַפאליאָן'ס וואפן ..................................................יז
ועכשיו.. ...........................................................כ

# מאמר ג'

# גאולה בתוך הגלות

## הכנה לפורים

### בגלותי לגאלינו

אין דער תפילה פון ליל שבת ("מודה אני"), זאגט מען: "**וְשִׁוִּיתִי ה' לִקְרָאתִי שֶׁתְּרַחֲמֵנִי עוֹד בְּגָלוּתִי לְגָאֲלֵנִי, וּלְעוֹרֵר לִבִּי לְאַהֲבָתֶךָ, וְאָז אֶשְׁמוֹר פִּקּוּדֶיךָ וְחֻקֶּיךָ בְּלִי עֶצֶב וְאֶתְפַּלֵּל כַּדָּת כָּרָאוּי וּכְנָכוֹן**". טאקע דעם לשון "שתרחמיני עוד בגלותי לגאלינו", ווייזט אויס, איז א לשון פון א גאולה אין גלות. אזוי ווי די גמרא[א] זאגט טאקע אויף פורים: "**אכתי עבדי דאחשורוש אנן**". איז דער פשט, אז בתוך מלכותו של אחשורוש וואס האט געהאלטן פערצן יאר, ווי עס ווערט געבראכט[ב], און 'הוא אחשורוש ברשעתו מתחילתו ועד סופו'[ג] - ער איז געווען דער זעלבער רשע בשעת ער איז געווארן מלך, און דער זעלבער רשע בשעת ער איז געשטארבן.

און בתוך מלכותו וואס עס איז געווען א 'רוח סערה הגדול בשעתו'[ד], האט מען זוכה געווען אז מען האט מכניע געווען קליפת

---

**א.** מגילה יד:

**ב.** עי' מגילה יא:, ובסדר עולם פרק כ"ד.

**ג.** שם יא.

ד. עי' בספה"ק ליקוטי מוהר"ן סי' ח', אות ג': דע שיש רב דקליפה והוא בחינת עשיו, כמו שכתוב בעשיו (בראשית ל"ג): "יש לי רב"; והוא בחינת אלופי עשיו, וכמו שתירגם אונקלוס: "רברבי עשיו", בחינת הרב דקלפה. ומהם מקבלין הרשעים הרוח, והוא בחינת רוח הטמאה, בחינת רוח סערה, כמו שכתוב (שם כ"ז): "הן עשו אחי

עמלק - די כפירה פון עמלק'ן, און מען האט מכרית געווען זרעו של עמלק וואס פון דארטן נעמט זיך אונזער הסתרה, און עס איז געווארן ביי כלל ישראל א זיכוך, א סילוק הרע.

עס איז געווארן אזא מין הארה פון א התחדשות נפלאה אין קבלת התורה, וואס פון קבלת התורה איז נישט געווען אזא מין התחדשות! ווי די גמרא זאגט: **"קימו וקיבלו" - 'הדר קבלוהו בימי אחשורוש באהבה'**[ה].

## ליהודים היתה תורה

און אזוי ווי די קבלת התורה פון תורה מסיני וואס איז געווען בקולות וברקים און אידן האבן זוכה געווען צו נבואה פון **"נַפְשִׁי יָצְאָה בְדַבְּרוֹ"**[ו], האט עס נישט געקענט זיין סיידן (נאר) וואס מען האט פריערט געמאכט הכנעת עמלק, פון **"וַיַּחֲלֹשׁ יְהוֹשֻׁעַ אֶת עֲמָלֵק וְאֶת עַמּוֹ לְפִי חָרֶב"**[ז]. און דער רבי זאגט[ח], אז דער 'חרב', דאס איז "חרב נוקמת נקם ברית"[ט] - זיך נוקם זיין אין דעם וואס ער וויל צעשטערן

---

איש שעיר". ועל כן **הרוח שלהם גדול ותקיף לפי שעה כמו רוח סערה שהוא גדול בשעתו**. ועל כן: "כל צורריו יפיח בהם" (תהלים י) "יפיח" דייקא, שמתגבר עליהם על ידי בחינת רוח פיו, שהוא גדול בשעתו, אך שאין לו קיום כלל ולסוף כלה ונאבד, ומסער גופיה ונשמתיה".

**ה.** מגילה (טז:) "הדר קבלוה בימי אחשורוש". ופירש"י: "דהיינו מאהבת הנס שנעשה להם".

**ו.** שיר השירים ה, ו.

**ז.** שמות יז, יג.

**ח.** ליקוטי מוהר"ן תורה נ"ח, אות ג', וזל"ש: "ובכח שהיה (משה רבינו) כלול מאבות, היה לוחם כנגד עמלק, בבחינת: **"חרב נוקמת נקם ברית"**. כי האבות הן ברית, בחינת: "וזכרתי את בריתי יעקב" וכו'. ועמלק טימא בריתם, בבחינת (דברים כ"ה): "אשר קרך בדרך", עייעו"ש.

**ט.** ויקרא כו, כה.

דעם קשר [פון] אידן מיט הקדוש ברוך הוא. און דוקא נאר דורך הכנעת עמלק איז געווען קבלת התורה[י]. איז טאקע נאך דעם הכנעת עמלק וואס איז געווען בימי מרדכי, איז געווארן א קימו וקיבלו, א התחדשות נפלאה אין קבלת התורה!

אזוי ווי עס איז דא א ווארט: **"לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשֹׂן וִיקָר"**[יא]. די גמרא[יב] זאגט: ליהודים היתה 'אורה' – זו תורה, 'ושמחה' – דאס איז יום טוב, 'וששון' – זו קיום מצות ברית מילה, און 'ויקר' – זו מצות תפילין. איז דא א קשיא: וואלט וועט געדארפט שטיין 'ליהודים היתה תורה ויום טוב ומצות ברית מילה ומצות תפילין'?

דער תירוץ איז, אז ליהודים היתה 'אורה' - תורה איז געווען 'אורה', עס האט אנגעהויבן צו שיינען די תורה. און 'ושמחה' - די יום טוב איז געווען א שמחה אמיתית, א שמחה וצהלה. 'וששון' - מען האט מקיים געווען מצות מילה מיט א שמחה מיט א ששון, א כריתת ערלה לשם שמים ווי ס'דארף צו זיין, מיט א שמחה וששון. און 'ויקר' - דאס איז תפילין, מען איז נתעלה געווארן דורך די תפילין, עס האט געשיינט די תפילין, עס האט געשיינט די מוחין!

---

י. עיי"ש בליקוטי מוהר"ן בהמשך אות ד', וזל"ש: **"ובזה שהכניע קליפת עמלק ותיקן הברית, זכה לבחינת** (שמות ט"ז): **"והיה לחם משנה על אשר ילקטו יום יום"**. ויוסף שזכה לברית, כתיב בה (בראשית מ"א): "וירכב אותו במרכבת המשנה", היינו משנה על אשר ילקטו יום יום, שעל ידי ברית זוכה לשפע כפולה. וזה: 'תרין ינקין לחד', שבחינת שבת מקבל מיוסף לחם משנה, היינו **"משנה תורה"**, עכ"ל. גם עי' בליקוטי הלכות בכמה מקומות והרי לפניך מ"ש בהל' ראש חודש ה"ג, אות י"א, וזל"ש: **"ועל כן היה מלחמת עמלק קדם מתן תורה. וכן נסמכה פרשת עמלק לפרשת יתרו שהוא קבלת התורה, כי עיקר התורה נתגלה על ידי מפלת עמלק!"**.

**יא.** אסתר ח, טז

**יב.** מגילה טז:

## דער סוד ווערט נתגלה

חז"ל זאגן: **"נכנס יין יצא סוד"**[יג]. פורים איז דאך טאקע א שמחה, א יום פון יין. ושתי האט באקומען א מפלה דורך יין, המן האט באקומען א מפלה דורך יין, און חז"ל האבן מתקן געווען **'לבסומי בפוריא ביין'**[יד]. 'נכנס יין יצא סוד', עס איז דא אזא מין סוד וואס ווען דער סוד ווערט נתגלה, איז דאס א געוואלדיגע תמהון, א געוואלדיגע שמחה. עס איז א געוואלדיגע חיות אז עס ווערט נתגלה דעם סוד, וואס דער סוד איז דער עיקר אז עס איז געווען (ביז דעמאלט) נעלם.

איך וועל געבן א דוגמא: א מענטש האט זיך פארפלאנטערט מיט גאר אסאך חובות, עס איז אים געווען זייער ביטער, ער האט נישט געוואוסט על פי דרך הטבע וויאזוי וועט ער קענען ארויסקריכן פון אזויפיל חובות. און עס איז געקומען א מענטש צו אים, ער האט גערעדט מיט אים פארשידענע זאכן, און אינמיטן האט ער זיך דערוואוסט אז ער איז זייער פארפלאנטערט אין חובות, ער האט נישט קיין מנוחת הנפש. די גמרא[טו] זאגט, א מענטש וואס האט נושים, איז 'חייו אינם חיים'.

האט ער אים געזאגט: "הער דיך איין, בעזר השם, איך וועל דיר ארויסהעלפן, איך וועל דיך ארויסהעלפן, איך וועל דיר אליין געבן, איך וועל טוהן (פאר) [ביי] אנדערע פאר דיר, איך וועל דיר העלפן ארויסצוגיין פון דעם גאנצן פלאנטער". ער שרייבט אים אפ א טשעק, א גרויסן טשעק, און ער זאגט אים: "נעם, נעם עס ארויס פון באנק, דעק די ריכטיגע חובות, די ריכטיגע נוגשים וואס זיי פייניגן דיר, דעק, דעק עס, מארגן האף איך ווייטער צו רעדן מיט דיר און האבן ווייטער א קשר".

---

**יג.** עירובין סה.

**יד.** מגילה ז:

**טו.** ביצה לב.

דערנאך, עס קומט אויף מארגן, גיט ער אים א עצה: "שרייב דארטן און דארטן א בריוו, איך וועל דיר ממליץ זיין, וועסטו זעהן". און אזוי איז געווען. יענער האט אים געשיקט א גרויסע סומע געלט, און ער האט אים אויך אליין ווייטער געגעבן, ער האט אים ארויסגעפירט פון פלאנטער, און ער האט געקענט זיצן און לערנען און דאווענען בהרחבת הדעת.

עס איז געקומען די צייט, ער האט געדארפט חתונה מאכן א קינד, ער קומט ווייטער און ער רעדט מיט אים, און ער זאגט אים: "איך וועל דיר העלפן אויף דעם אויך". ער העלפט אים אליין, און דורך אנדערע; אזוי, ווען ער דארף א ישועה קומט ער און ער העלפט אים, און ער ווערט געהאלפן.

עס גייט אריבער - און ברבות הימים דערוואוסט ער זיך, אז דער מענטש איז גאר זיין חבר, זיין חברותא אין שול וואס ער לערנט מיט אים יומם ולילה - ער איז דאס, ער האט זיך פארשטעלט, ער האט זיך פארשטעלט. האט ער אים פרעגט: "דו ביסט עס? דו ביסט עס?", "יא יא, איך האב דיר געהאלפן, איך בין דאס אלץ געווען!". ער האט זיך פארשטעלט.

(שאל אותו:) "ווי קען מען זיך פאַרשטעלן? א מענטש אז ער פארשטעלט זיך, אפילו מען דערקענט אים נישט, זעהט מען גאר אז ער איז פארשטעלט, (אבער) זיך פאַרשטעלן אויף אזוי ווייט אז מען זעהט (שוין) נישט?". זאגט ער: "יא, היינט איז דא אלע פאטענטן, היינט קען מען מאכן אזא מין סארט צורה אז מען זעהט אויס ווי אַן אנדערער און מען דערקענט גארנישט אויך" - און ער ווייזט אים דאס (-המסוה), און עס ווערט טאקע נתגלה אז ער האט אים אלץ טאקע ארויסגעהאלפן - אזא ידיד! ער איז געזעצן און געלערנט מיט אים, און אים אראפגענומען אלע חובות!

## ס'שאקלט נישט קיין בלעטל אָן השי"ת

אוודאי, דאס איז נאר א משל ביי דברים גשמיים, עס איז נאר א משל, ביי הקב"ה איז על אחת כמה וכמה. למעשה ווען מען ווייסט ווי ווייט **דער אויבערשטער איז יחיד במלכותו, און ער טוט אלצדינג ממש בלי שום - - אין עוד מלבדו, לבדו! לבדו! ער אליין טוט אלעס** - און מיט א מלכות מלאה, מיט א שליטה מלאה, אלעס טוט דאך השם יתברך לבד! ס'שאקלט זיך נישט קיין בלעטל אָן השם יתברך! די השגחה איז הפלא ופלא, פלאי פלאות! - ווען פאר א מענטש גיט עס אביסל א שיין ווי ווייט דער אויבערשטער פירט דער וועלט און אז אלעס איז פון דעם אויבערשטן, ווערט מען אַן אנדער מענטש! ווען דאס שיינט ווי ס'דארף צו זיין, ווערט ער אַן אנדער מענטש! ער וואלט אנדערש געדאוונט, אנדערש געלערנט, אנדערש געבעטן, אנדערש גערעדט צום אויבערשטן, אנדערש געשפירט דעם אויבערשטן!

**די הסתרה, די הסתרה, די גערואלדיגע הסתרה, די גערואלדיגע העלמה! העלמה! עס איז א מורא'דיגע מְכסה!**

## ווי האט דער אויבערשטער געמאכט אזא מין הסתרה?!

און די הסתרה באשאפט אויך דער אויבערשטער, און אזוי פירט דער אויבערשטער ווייטער מיט דער הסתרה. מען זעהט אין ליקוטי מוהר"ן, דער רבי ברענגט אראפ אין תורה ל"א[טז] דעם פסוק: "**וְלֹא יִכָּנֵף עוֹד מוֹרֶיךָ וְהָיוּ עֵינֶיךָ רֹאוֹת אֶת מוֹרֶיךָ**"[יז]. לעתיד וועט מען זעהן

טז. וזל"ש בסופו: אף שישראל עיקר, על כל זה העכו"ם מכסין עליהם כאילו כל העולם שלהם, ומכסין העולם בדרך הטבע. כי באמת הקדוש ברוך הוא מנהיג העולם, והם מכסים הנהגת השם יתברך כאילו מתנהג, חס ושלום, על ידי הכוכבים ומזלות בעצמן. אך לעתיד לבוא יעביר אותם, ואז יקוים: "סר צלם", ואזי יתגלה אור השמש. בבחינות: "וזרחה לכם יראי שמי שמש", היינו שיתגלה אור השמש. וזהו: "ומרפא בכנפיה", היינו בחינת: "**ולא יכנף עוד מוריך**".

יז. ישעיה ל, כ.

פלאי פלאות, מען וועט זעהן ווי דער אויבערשטער פירט דער וועלט אלץ, מען וועט זיך פארוואונדערן - ווי האט מען פריער נישט געזעהן? פארוואס? **ווי האט דער אויבערשטער געמאכט אזא מין הסתרה?** ווי האט דאס געקענט זיין?! איז דאס אליין א פלא, א מורא'דיגער פלא, אזוי ווי רבי נתן ברענגט אראפ, אז די בריאת ההסתרה איז דאך א שטארקער פלא וואס איז דא![יח]

## הסתרה איז א מחלה

און דער רבי טייטשט דארטן: **"וּמַרְפֵּא בִּכְנָפֶיהָ"**[יט] – אז דער אויבערשטער וועט אויסהיילן די הסתרה, ער וועט אויסהיילן דער הסתרה. די הסתרה איז א מין מחלה וואס איז מצד אונזער חסרון, מצד אונזערע עונות, פון **"הפשע מכניס כפירה באדם"**[כ] איז דאס, אבער דער אויבערשטער וועט דאס אויסהיילן, אזוי ווי מענטשן מיינען - כפירה איז קראנק, מיינט ער אז מען דארף זיין קראנק, (אבער) אז ער ווערט געזונט, זעהט ער אז קראנק איז גאר אַן עונש. (כמו כן) אדרבה, לעתיד וועט מען זעהן אז פריערט איז געווען א מחלה דאס וואס עס איז געווען פארשטעלט דער השגחה, עס וועט זיין "והיה עיניך רואות את מוריך", מען וועט זיך וואונדערן - ווי האט מען פריערט נישט געזעהן אז אלעס איז פון השם יתברך לבד?! **מען וועט זעהן אז דאס איז געווען הוילע רוח הקודש! הוילע יד ה'!**

---

**יח.** עי' ליקוטי תפילות, תפילה ס"ד, מש"ש: ונזכה למצוא אותך בכל המקומות שבעולם, ולהאמין באמונה שלמה כי אתה מושל בכל, ובכל הסטרין אוחרנין ובכל הטומאות והקליפות, נעלם ונסתר אלקותך יתברך, **ואפילו בהחלל הפנוי מאלקותך לגמרי גם שם אתה נמצא בתכלית ההעלם וההסתרה נפלאה, שאי אפשר להשיגה כלל בשום חכמה ושכל שבעולם, כי אם באמונה לבד, כי אתה מפליא לעשות, ומי ישיג פלאותיך הגדולות, כי אתה עושה נפלאות גדולות לבדך** הנראין לדעתינו האנושית כמו שני הפכים בנושא אחד, ומי יעצור כח להשיג דרכי נפלאותיך הגדולות והנוראות, כאמור "פליאה דעת ממני נשגבה לא אוכל לה".

**יט.** מלאכי ג, כ.

**כ.** ספר המידות ערך 'אמונה', אות כ"ב.

**אלעס אלעס**! עס איז נישט געווען קיין איין מקרה כלל חלילה! עס איז נישטא וואס שטייט נישט אן קיין נס! די גאנצע טבע, די גאנצע גאנצע מקרה און אלע טלטולים איז השגחה פרטית לבד, עס איז נאר א מין הסתרה!

און אט דער אור האט דעמאלט אזוי געשיינט, אז ס'איז געווארן א 'קימו וקיבלו', א קבלת התורה באהבה, מען איז געווארן אנדערע מענטשן, מען האט באקומען אנדערע מוחות!

עס שטייט פון דעם "איד הקדוש": "**וַיַּרְא אֱלקִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**"[כא] – אז דער אויבערשטער האט געגעבן א גוטן קוק אויף אידן, **עס איז געווארן אזא הארת פנים, איז "וַיֵּדַע אֱלקִים" - האט מען געוואוסט אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט!**[כב] **- אה! אה!** דער מדרש[כג] זאגט: "אין לנו אלא הארת פניך"!

דער רבי זאגט טאקע אין דער צווייטער תורה אין ליקוטי מוהר"ן, אז "כל תפילתנו ובקשתנו" איז פארוואס דער אויבערשטער איז מסתיר פנים, אז דער אויבערשטער זאל מאכן אַן הארת פנים![כד]. מען ווערט א איד! (- כשיודע שאינו אלא הסתרה), עס ווערן נמתק אלע דינים, עס ווערט אלע מיני ישועות ברוחניות ובגשמיות! **דער גאנצער גלות איז הסתרה!**

---

**כא.** שמות ב, כה.

**כב.** עי' בספה"ק ערוגות הבושם (פשיסחא) וירא, אות י"ג: "**כמו ששמעתי בשם הרב היהודי הקדוש זלה"ה** (פ' שמות) **וירא וכו', וידע וכו' שכאשר ראה עניָם אז השיגו וידעו שיש אלקים בארץ**".

**כג.** על תהלים ד': "**א"ר יוחנן, אמרו ישראל לפני הקב"ה, אין לנו אלא הארת פניך, שנאמר** (תהלים פ, כ) **אלקים צבאות השיבנו האר פניך ונושעה**".

**כד.** וזל"ש: **כי בגלותינו, כביכול, הקדוש ברוך הוא בהסתרת פנים**, כמו שכתוב (תהלים ל): "הסתרת פניך", שהוא בחינות רחמים, ופנה עורף שהוא בחינות דין. **וכל תפילותינו ובקשתנו, על זה שפנה עורף אלינו, שיחזור את פניו**, כמו שכתוב (שם פ"ו): "פנה אלי". וכמו שכתוב (במדבר ו): "יאר ה' פניו".

עם כל זה, דאס איז דער ענין פון פורים, דאס איז דער ענין פון פורים, א גאולה בתוך הגלות[כה]. דאס איז דער ענין "כל מי שיש בו דעה כאילו נבנה בית המקדש בימיו"[כו] - דאס זענען די צדיקים וואס ביי זיי איז געווען דער בית המקדש, ביי זיי איז נישט געווען קיין גלות, זיי האבן געהאט א דעת, **ס'האט געשיינט ביי זיי דער בית המקדש בתוך הגלות!**[כז]

## קדושה ברעכט דער טבע!

און למעשה, דער גאנצער ענין איז תלוי בשמירת הברית. דער רבי פארבינדט דאס, עס איז דא אסאך קשרים נפלאים אין ליקוטי מוהר"ן

---

**כה.** עי' בספה"ק ליקוטי הלכות נחלות, ה"ד, אות כ"ה: "בפורים עדיין לא נתבטלה מלכות הרשעה לגמרי, כי אכתי עבדי אחשורוש אנן ועל כן באמת פורים מותר בעשיות מלאכה ועל כן אין בו הלל. **אבל באמת זהו בעצמו תוקף הנס הנפלא של פורים שהוא גדול מכל המועדים, כמו שאמרו רז"ל, כי עיקר הנס וההארה הנפלאה והעצומה של פורים הוא שאנו ממשיכין עלינו הארה נפלאה כזאת שהוא הארת מרדכי שנזכה להתגבר בתפילה גם בימי אריכת הגלות הזה** כנ"ל, וכו'... כי עיקר ההלל של פורים הוא קריאת המגילה שמפרסם תוקף הנס שגם בעת אריכת הגלות בעת שנדמה שה' יתברך מסתיר פנים ממנו גם אז ה' יתברך שומע תפילתנו כמו שהיה בימי מרדכי ואסתר שאז היה בסוף הגלות והרבה חשבו וטעו ונדמה להם שלא ישוב עוד ה' יתברך אלינו חס ושלום. ומרדכי ואסתר התחזקו בתפלה גם אז עד שזכו לנס **ואנו ממשיכין עלינו ההארה הגדולה הזאת בכל שנה ושנה להתחזק בתפלה תמיד בכל ימי אריכת הגלות הזה שאף על פי שאכתי עבדי אחשורוש אנן ומלכות הרשעה מושלת עלינו כל כך, אף על פי כן אנו בטוחים בחסדו ומחזקים עצמנו להתפלל תמיד עד שיכמרו רחמיו עלינו".**

**כו.** ברכות לג.

**כז.** עיין בספר אוסף אמרים (פורים שיחה י') דעל ידי תשובה מאהבה שמכניע קליפת עמלק, יכול להבנות הביהמ"ק ממש, וז"ל: אנו רואים שרביה"ק בתורה נ"ח, שם הוא מדבר ממחיית עמלק, הוא מדבר מתשובה מאהבה, כי תשובה מאהבה היא נגד קליפת עמלק. **ואז, בימי מרדכי ואסתר מכיון שהיתה הכנעת עמלק, היה יכול להתקיים "הדר קבלוה באהבה", ואז יכול היה להבנות בית שני.**

וואס דער רבי איז שטארק מקשר 'אמונה' מיט 'שמירת הברית'[כח]. ס'איז תלוי זה בזה.

אז א מענטש זעהט א "מקרה בלתי טהור" - **אז א מענטש זעהט א זאך, און ער זאגט אז ס'איז א מקרה, ס'איז א מקרה חס ושלום, דאס מיינט אז דער מענטש איז בלתי טהור!**[כט] די וואס האלטן ביי קדושה, זיי שפירן אז אלעס איז פון השם יתברך לבד!

אזוי ווי "**הַיָּם רָאָה וַיָּנֹס**" האט געפלאצט דער טבע. דעמאלט איז געווען א נס, נישט א טבע; די טבע איז אויך א נס, מען דארף נאר האבן דעם גילוי צו זעהן ווי דער טבע איז (אויך בהשגחה) פון השם יתברך. 'הטבע' איז בגמטריא 'אלקים'[ל]. אבער "הים ראה וינס" - ער האט געזעהן דעם "**וַיָּנָס וַיֵּצֵא הַחוּצָה**"[לא] - די בריחה מעבירה, דאס אנטלויפן 'במחשבה בדיבור ובמעשה' לגמרי לגמרי, **ער האט געזעהן דער קדושת יוסף צדיק יסוד עולם, יאָ. האט זיך געבראכן דער טבע, דא איז נישטא קיין טבע.** איז אזוי ווי די קדושה ברעכט דער טבע

---

**כח.** עי' בספה"ק ליקוטי מוהר"ן סי' ל"א, אות ג': "**ודע שאין קיום אמונה אלא על ידי בחינות ברית**, בבחינות (תהלים פ"ט): "ובריתי נאמנת לו". וזהו שנאמר ברית בשבת, כמו שכתוב (שמות ל"א): "ברית עולם ביני ובין בני ישראל" וכו'. וזה (ירמיה ל"ג): "אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי", כי "חוקות שמים וארץ", היינו הגלגלים, תלויים בברית".

**כט.** עי' בספה"ק נועם מגדים, שלח: "וידוע דברי הרמב"ם ז"ל דעון גדול הוא לתלות דבר בלתי טוב המאורע חס ושלום במקרה ושזהו מאמר הכתוב (ויקרא כו, כא) אם תלכו עמי קרי כו', רק צריך לידע שהדבר בהשגחה ולהדר ולעיין ולדרוש מעל ספר תורת ה' איזה עון המביא עונש זה ולשוב בתשובה ולהסיר המכשול. **והרב בעל משנת חסידים ז"ל רמזו בכתוב** (שמואל-א' כ, כו) **"כי אמר מקרה הוא" כו', רוצה לומר אם תשמע לאדם שיאמר על המאורע מקרה הוא תדע בבירור שאדם הזה בלתי טהור הוא ודפח"ח**".

**ל.** פרדס רימונים להרמ"ק, שער י"ב, פ"ב.

**לא.** עי' במדרש תנחומא וישב, פ"ט: "**וינס ויצא החוצה". א"ל הקב"ה אתה נסת ויצאת חוצה, חייך הים ינוס מפני ארונך, שנא'** (תהלים קיד) **"הים ראה וינוס"**.

אז עס **ווערט** א נס, אזוי אויך דער גילוי אז די טבע **איז** נס, איז אויך (נמשך) פון "צדיק יסוד עולם" - פון דער ענין פון שמירת הברית.

עס ווערט אזוי געבראכט: "**וְהִנֵּה הַשֶּׁמֶשׁ וְהַיָּרֵחַ וְאחַד עָשָׂר כּוֹכָבִים [מִשְׁתַּחֲוִים לִי**"[לב]**]**. "ואחד עשר כוכבים" דאס איז די עלף מזלות; נישט אז עס איז איין כוכב, נאר יעדער מזל רופט זיך א כוכב; און די צוועלף מזלות זענען אקעגן די צוועלף שבטים. "**ואחד עשר כוכבים**" - דאס איז "**משתחוים לי**" - אלץ צו שמירת הברית. שמירת הברית דרייט דער טבע.

דער רבי ברענגט אראפ: אז א מענטש איז א שומר הברית, רוהט אויף אים דעם שם 'שדי'[לג]. און דאס איז 'משדד' די מערכה לטובה, דאס דרייט דער טבע, דאס פארטרייבט פון אים די קליפות. די טבע איז שולט? שמירת הברית - אט דאס איז שולט 'אין' און 'אויף' דער 'טבע' און אין 'נס'; אלעס טוט זיך דורך דער קדושה!

## יסוד הפורים – שמירת הברית

**אט דער יסוד איז איינער פון די שטערקסטע יסודות אין פורים: אמונה מיט שמירת הברית!** (דאס איז) דער יסוד, דער יסוד הפורים![לד].

---

**לב.** בראשית לז, ט.

**לג.** עי' בליקוטי מוהר"ן סי' י"א, אות ג'; ובסי' כ"ג, אות ד'; ובסי' כ"ט, אות ד'; ובסי' ל"א, אות ט'.

**לד.** בספר אוסף אמרים (פורים שיחה ב') מבאר מורינו שליט"א הקשר בין פורים – מלחמת עמלק, לשמירת הברית, וז"ל: ואת הברית עולם הזאת רצה עמלק לבטל ולהפר, וכמובא בזהר הק' (ח"א ס"ו ע"א) על "ויחלוש יהושע את עמלק ואת עמו לפי חרב". באיזה חרב – "בחרב נוקמת נקם ברית". עמלק רצה לבטל ולפרום את הקשר הנצחי בין ישראל לאביהם שבשמים, כי הוא ידע שכאשר ציוה הקב"ה את אברהם אבינו על ברית המילה מהקב"ה, אמר לו – אם יקבל את מצות ברית מילה שפיר, ואם לא, יחזיר את העולם לתהו ובהו.
ועמלק שראה שברית זה נמשכת, רצה לפני קבלת התורה לבטלה (כמובא על ויזנב בך כל הנחשלים, שהיה זורק כלפי מעלה), וממילא יחזור העולם לתהו ובהו ולא

און אז דער אויבערשטער העלפט - דאס איז א גאולה, דאס איז א משיח, דאס איז דער משיח בן דוד - 'תפילה' און 'אמונה'; און משיח בן יוסף - דאס איז 'קדושה'.

דערפאר טאקע זעהט מען אז דער ערשטערווארט פון דער מגילה – די מגילה הייבט זיך אָן "ויהי" און עס ענדיגט זיך "זרעו", דאס איז בגימטריא 314, וואס דאס איז 'שי"ן יו"ד דל"ת' - דער שם וואס שיינט אויף א שומר הברית, עס שיינט ארויס פון ספירת היסוד. איז זעהט מען אז די מגילה איז געשטעמפלט מיט קדושה און מיט שמירת הברית. **"אסתר ברוח הקודש נאמרה"**[לה], ס'איז דאך דא אלץ א קשר, ס'איז דאך ברוח הקודש, אלע צדיקים דרש'ענען די תורה "בראשית - לעיני כל ישראל", אלע צדיקים דרשנע'ן דאס. ערשט אז עס איז דא שמירת הברית, שיינט דער אמונה, עס ברעכט דער טבע, זענען מיר זוכה לגאולה, לגאולה אין דעם גלות, וואס דאס איז דער גאולה פון פורים.

### תיקוני פורים

אונז דארפן זיך אנהאלטן טאקע אין די תיקונים, אין די תיקוני פורים וואס דאס איז תיקונים נפלאים, דאס האט א שייכות צו די גאולה עתידה! דער רבי זאגט[לו], אז 'פורים' איז דער לשון **"פּוּרָה דָּרַכְתִּי לְבַדִּי וּמֵעַמִּים אֵין אִישׁ אִתִּי"**[לז] - דער אויבערשטער וועט צעטרעטן סוף כל סוף דעם רע. אונז קענען נאר מכניע זיין וויפיל

---

תהיה קבלת התורה. כי הוא ידע היטב כי אם רק יקבלו את התורה יימשך הברית הזה לעולמי עד ולנצח נצחים, ושום כח שבעולם כבר לא יוכל להפר אותו ולעקרו. זו היתה הסיבה מדוע בא עמלק דייקא לפני קבלת התורה.

**לה.** מגילה ז.

**לו.** ליקוטי מוהר"ן סי' י', אות ח', וזל"ש: **"וזה לשון פורים, היינו ביטול העבודת אלילים, כמו שכתוב** (ישעיהו ס"ג)**: "פורה דרכתי לבדי ומעמים אין איש אתי"**.

**לז.** ישעיה סג, ג.

מען קען, דער גמר וועט גומר זיין דער אויבערשטער אליין, אט דאס איז "פורה דרכתי **לבדי**". און דאס זאגט דער רבי אז דאס איז פורים, דאס איז מרמז אויף לעתיד וואס וועט זיין, וואס דער אויבערשטער וועט ענדיגן, ה' יגמור בעדינו לטובה. אונז דארפן נאר טוהן בחיים חיותינו וואס מיר קענען (צו צוברענגען) לחתימת הרע, לחתימת הכפירה והאפיקורסות, און מגביר זיין קדושה מיט שמירת הברית מיט תפילה, אט דאס איז אונזער ארבעט.

און די אלע תיקונים פון פורים - אונז האלטן זיך אָן מיט דעם, מיט די מצוות וואס חז"ל האבן אונז מתקן געווען: קריאת המגילה; אמירת על הניסים; משלוח מנות איש לרעהו; מתנות לאביונים; לבסומיביין; און מיט דער ענין פון סעודת פורים.

דער אר"י הקדוש זאגט[לח], אז **עס איז דא אזא מין הארה וואס מען קען זוכה זיין ביי סעודת פורים, וואס מען קען עס נישט זוכה זיין א גאנץ יאר נאר ביי סעודת פורים, אזא מין הארה שיינט ביי די סעודת פורים.** און מיט די מצוות (היום) זענען מיר מקושר צו דעם, און טאקע בפשטות - מיט דער שמחת פורים - די שמחה פון פורים.

### צוויי משמחים

עס שטייט פון בעל שם טוב[לט]: אז די 'הני תרי בדחי' וואס די גמרא זאגט[מ] אז אליהו הנביא האט געוויזן פאר איינע פון די תנאים

---

**לח.** עי' פרי עץ חיים, שער ר"ח חנוכה ופורים, פרק ה'.

**לט.** עי' בספה"ק תולדות יעקב יוסף, פר' תצוה, אות א': "עוד י"ל דשמעתי בשם מורי פי' הש"ס דהני תרי בדחי דהוי בני עלמא דאתי (תענית כב.), ועל פי שאלה נאמרה לו, דהענין דהני תרי בדחי היה כל עסקם להתחבר עם כל איש ואיש, ולייחד קבה"ו בכל פרטי מעשה איש, הן בביתו של כל איש ואיש או בעסקיו, ובכלל ובפרט, זולת מי שהיה לו צער ח"ו לא היה יכול לייחד יחודו להתחבר עמו, **לכך היו מבדחי ליה בדברים עד ששמח ונתחבר עמו לדבק אתו עמו בו יתברך וכו', והוא כלל גדול והבן ודפח"ח**".

**מ.** תענית כב.

(רבי ברוקא חוזאה), **בדחנים**. עס איז געווען א שוק (מאר"ק), (ואמר לו:) 'אט די - דו זעהסט די צוויי אינגעלייט, די צוויי מענטשן? זיי זענען בדחנים, זיי זענען בני עולם הבא'. דאס האט [דער בעל שם] געהערט פון אחיה השילוני פשט[מא]: אז די צוויי מענטשן, די צוויי בדחי - וואס זיי האבן געזעהן האבן זיי מקשר געווען צו השם יתברך. אלעס האבן זיי מקשר געווען צום אויבערשטן, יעדער זאך האבן זיי מקשר געווען צו השם יתברך; אז זיי האבן גערעדט מיט א מענטשן האבן זיי אים פארבינדן צום אויבערשטן, אזא כח האבן זיי געהאט: **גערעדט מיט א מענטשן - און אים מרומם געווען דעם מח און פארבינדן מיטן בורא עולם!** זיי האבן נישט געלאזט קיין פירוד - אין דעם האבן זיי עוסק געווען, די צוויי צדיקי הדור.

(אבער) א ווי ס'איז דא עצבות האבן זיי נישט געקענט א ריר געבן, **עצבות האבן זיי נישט געקענט מקשר זיין צו השי"ת!** (און היות) זיי זענען געווען בדחנים און זיי האבן געהאט א כח הבדיחה, האבן זיי ערשט פרייליך געמאכט דעם מענטשן, און ווי נאר ער איז געווארן פרייליך האט מען גערעדט מיט אים און אים מקשר געווען צו השם יתברך. אט דאס איז טאקע דער עיקר כוונה פון שמחת פורים: צו שמחת פורים טאקע! עוסק זיין אין שמחת פורים!

## סגולת שמחת פורים

רבי נתן ברענגט אראפ אין ליקוטי הלכות[מב], ער גיט א דוגמא: אז דוד המלך איז געווען ביי בית אחימלך, ביי אכיש מלך גת[מג],

---

**מא.** כמו שכתב התולדות יעקב יוסף (שם) "**ועל פי שאלה נאמרה לו**", וידוע דהיינו על ידי רבו אחיה השילוני.

**מב.** הל' נפילת אפים ה"ד, אות ו', וזל"ש: "וזה בחינת (תהלים לד) לדוד בשנותו את טעמו לפני אבימלך ויגרשהו וילך, וכו'... ועיקר המלחמה של דוד עם הסטרא אחרא והקליפות היה רק לשבר העצבות ולזכות לשמחה, וכו'... שדוד המלך ע"ה הוא בדחא דמלכא שאפלו בעת שהתוודה על חטאו בשבירת לב לא עזב את דרכי בדיחתו, וכו'. ועל כן בעת שבא דוד ביד הפלשתים בגלות ותפסו אותו והביאוהו לפני אבימלך

האבן זיי אים געזאגט: 'דו ווייסט ווער ער איז? דאס איז דאך 'דוד מלך ישראל' וואס ער איז דער דוד'. דעמאלט איז ער נאכנישט געווען קיין קעניג. (ער איז) דוד וואס ער קערט איבער דער וועלט וואס טוט זיך ביי אידן, וואס "**הִכָּה שָׁאוּל בַּאֲלָפָו וְדָוִד בְּרִבְבֹתָו**"[מד]'. איז האט ער זיך געמאכט משוגע – דוד, איז ער געווארן (- זיך געמאכט) משוגע. ער גיט א קוק (אכיש מלך גת) - 'ער מאכט זיך נאריש, דאס איז דוד? ער איז דאך א משוגענער! דוד איז דאך א נארמאלער'. בקיצור, ער האט אים אפגעלאזט.

זאגט רבי נתן, אז דאס איז דער ענין פון שמחת פורים וואס מען דארף. דער בעל דבר לאזט נישט זיין פרייליך, ער לאזט נישט, ער ווייסט וואס מען קען זוכה זיין מיט שמחה, ער ווייסט וואס מען קען זוכה זיין מיט שמחה; מען קען נישט אָן "עוז"[מה] (זוכה זיין צו -) "חדוה במקומו", צו קדושה. **סיידן** (- אחוץ) **שמירת הברית, איז דאך**

---

ורצו לנקום בו. וראה דוד שאי אפשר להתגבר עליהם ולצאת מהם כי אם על ידי שמחה שעל ידי זה עיקר ההתגברות על הקליפות והסטרא אחרא שהם בחינת עצבות כנ"ל, אבל בעת תוקף הגלות שמתגברין במרירת השעבוד ואינם מניחים לשמוח. ואם כן מאַיִן יבא עזרנו כי אי אפשר להמלט מהסטרא אחרא כי אם על ידי שמחה, ולשמחה אי אפשר לזכות מחמת תוקף התגברותם בגלות כנ"ל, על כן דוד המלך שהיה שמחתן של ישראל כשנפל בגלות ביד הסטרא אחרא שהם הפלשתים. חנן ה' אותו בעצה הזאת שעשה עצמו כשוטה ממש ועשה מעשה שטות ושגעון ממש והוריד רירו על זקנו ויתו על דלתות השער וכו' (שמואל-א כא) ועל ידי זה נמלט מידם, כי על ידי מילי דשטותא דייקא באים לתוך שמחה שעל ידי זה ניצולין מהם, כי עיקר ההתגברות עליהם הוא על ידי שמחה, ואי אפשר בגלות לשמוח כי אם על ידי מילי דשטותא דייקא כנ"ל. **וזהו בחינת שמחת פורים שעושין אז כל מיני שחוק ומילי דשטותא בשביל שמחה, כי עיקר השמחה הוא על ידי מילי דשטותא דייקא כנ"ל"**, עייעו"ש באריכות נפלא ונערב.

**מג.** שמואל א, כא.

**מד.** שם יב.

**מה.** עיין בספה"ק לקוטי מוהר"ן, סימן כ"ז, אות ו'; דשמירת הברית נקרא "עוז".

**דא אלע פגמים לנצח פון באהאלטענע עצבות רח"ל[מו] - און מיט שמחה קען אים א מענטש בייטן אלעס.**

## נאַפּאָליאָן'ס וואפן

עס האט מיר געזאגט א איד, אז בשעת ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן, ער איז טאקע געווען גרויס, זייער גרויס - אין יחוס עצמו, רבי יצחק מענדל הכהן[מז] האט ער געהייסן. האט ער מיר געזאגט, אז בשעת ווען ער איז מקורב געווארן צו אונזערע לייט, האט ער געהערט דעם ווארט. ער זאגט אז עס איז געווען בשעת [נאפאליאן]

---

מו. עי' בספה"ק ליקוטי מוהר"ן, סימן קפ"ט, וזל"ק: "**צריך ליזהר מאד מעצבות ועצלות, כי עיקר נשיכת הנחש הוא עצבות ועצלות בבחינת** (ישעיה ס"ה): "**ונחש עפר לחמו", עפר היא בחינת עצבות ועצלות שהם באים מיסוד העפר, כמובא בספרים**". גם עי' בספה"ק ליקוטי הלכות, הל' שבת ה"ז, אות מ"ה, וזה לשון קדשו: "שורש נפשות ישראל הוא בחינת שמחה, כי שרשם במחשבה דקודשא בריך הוא. כי ישראל עלו במחשבה תחילה ששם מקור השמחה, כמו שכתוב, **עוז וחדוה במקומו, כי אין עצבות לפני המקום**, כמו שאמרו רז"ל, **וכל עיקר פגם כל העבירות הוא בחינת עצבות, שמשם נמשכין כל העבירות** שעיקרם פגם הברית שנמשך מהקליפה הנקרא לילית על שם העצבות והיללה כידוע. **ועל כן עבירה גוררת עבירה, כי העבירה נמשך מבחינת זהמת הנחש, שהוא בחינת בעצבון תאכלנה היפך קדושת השמחה שהוא לשמוח בה' יתברך בחינת אנכי אשמח בה', שמחו בה' וגילו צדיקים וכו'** וכשעובר עבירה חס ושלום, נמשך עליו עצבות בחינת אדאג מחטאתי בחינת יגון ואנחה שהם בחינת ס"ם ונוקביה, כמו שכתוב בכוונות, ומחמת התגברות העצבות יותר גוררת עברה יותר כנ"ל. ועל כן עבירה גוררת עבירה".

מז. ה"ה **הרה"ח רבי יצחק מענדל** בן ר' ישראל יחיאל **הכהן ראטענבערג ז"ל**, נולד בפוילן שנת תרנ"ה, ונתקרב לדרך רבינו ז"ל בהיותו ילד, היה מתלמידי רבי אברהם ב"ר נחמן זצ"ל, עלה לארץ ישראל בשנת תרפ"ג והתיישב בירושלים עיה"ק, והיה ממייסדי ה"שול" ברסלב במאה שערים, היה בקי עצום בגפ"ת, ומבאי ביתו של הגרי"ח זאנענפעלד זצ"ל, והחברותא של הרב מטעפליק זצ"ל, בערך בשנות תרפ"ה נסע לארה"ב והיה ממייסדי הברסלב'ע שטובל באיסט סייד בנוי יארק, ושימש שם כש"ץ אצל הקיבוץ בראש השנה, נלב"ע ה' אייר תשנ"א לפ"ק.

האט איינגענומען דער וועלט[מח], די הצלחה זיינער איז געווען משונה'דיג למעלה מדרך הטבע. עס זענען געווען אלטע קיסרים, מיט אלטע גענערעלער, מיט אלע אלטע תכסיסי קרב, מיט אלע לימודים - און עס איז אויפגעשטאנען א נייער מלך - און זיי אנגעהויבן קלאפן.

(ותמהו השרים:) 'ער שטייגט אלעס איבער, אלע זייערע פאטענטן שטייגט ער דאך איבער, וואס איז דא דער סוד? וואס? גוט, אויב חכמה - איז ער א חכם? ווייסט ער וואס זיי ווייסן; אבער פארוואס איז ער אזוי שטארק מצליח?'. מען האט געזוכט - דער גאנצער וועלט האט געזוכט, מען האט געהאלטן אין איין זוכן - 'וועגן וואס? וואו איז דער סוד באהאלטן?'.

האט מען געפונען ביי אים אַן אינטערסאנטער זאך: אזוי ווי יעדער פלוגה (אפטיילונג) דארף האבן א קצין (הויפט), און דארף האבן א מפקד (אויפזעער), און מען דארף איינער זאל טראגן עסן, איינער טרינקען, הלבשה מיט זאכן - יעדער פלוגה דארף דאך האבן, מען דארף האבן פאר פארשידענע סארט זאכן - יעדער איינער איז אחראי אויף א צווייטער זאך וואס צו מכלכל זיין דעם צבא - האט ער (נאפאליאן) געהאט נאך א זאך וואס דאס איז אים געווען דער חשוב'סטער זאך: ער האט נישט צוגעלאזט קיין אוהל פון סאלדאטן אָן א משמח, א קלעזמיראנט, א לץ, א הימאריסט; אָן א משמח האט ער נישט צוגעלאזט קיין ווינקל. ממילא מען איז געלעגן אין די מדבריות (החיילים האחרים), מען האט געלערנט די לימודי קרב מיט אלצדינג, מען איז געווען איום'דיג - און ביי אים האט מען געהאפקעט, ביי אים איז מען געווען פרייליך, לעבעדיג. (דערפאר) אז מען איז געקומען

---

**מח.** בדרשות הגרי"מ (מוצאי ר"ח אדר תשס"ז לפ"ק) מוסיף על זה וז"ל: "צדיקים האבן אים מכניע געווען - ווייל ער האט געוואלט שטודירן דער וועלט, און דער הייליגער רבי איז אויך געווען אנטקעגן ער זאל נישט איינעמען דער וועלט - ווייל ער האט געוואלט אריינברענגען השכלה אין דער וועלט, וואס וואלט געבראכט יענער כליון (ברוחניות)".

צום פראנט האט מען געקלאפט אויף תולה ארץ; ווייל אז מען איז געווען פרייליך האט מען דערלאנגט. פשוט.

צדיקים האבן זיך דערוואוסט פון דער זאך, האבן זיי געזאגט: "**ווער האט אים מגלה געווען פון הימל אז מיט שמחה נעמט מען איין פראנטן?! פון הימל האט מען אים דערלאנגט דעם סוד, א נייער סוד, אז מיט שמחה קען מען איינעמען פראנטן!**"[מט]

דאס איז טאקע דער ענין - אויך ביי מלחמת היצר, וואס דערפאר פארלייגט זיך דער בעל דבר. טאקע דארטן ביי דער הלכה, זאגט רבי נתן[נ], אז דער ר' רבי ברוכ'ל איז געווען כסדר בדביקות, און נאך צדיקים - און דער בעל דבר האט נישט געהאט קיין עצה צו זיי. וואס איז געווען די עצה צו זיי? זיי צו מאכן בעצבות. (דערפאר) פלעגן שטיין פאר זיי אנשים משמחים וואס האבן משמח געווען, בדיח געווען, כדי ער זאל קענען ממשיך זיין די עבודה. ווייל אז ער כאפט אים אריין אין עצבות, האט ער אים אפגעשטערט די גאנצע - -

---

**מט.** ראוי לציין מה שמובא בשיח שרפי קודש (ברסלב) ח"ג, אות שס"ה: "פעם אחת שיבח רבינו את החיל של מלכות רוסיה, ואמר: "**דערפאר נעמען זיי איין די מלחמות, ווייל זיי זענען פרייליך!**"; כי היה זה דבר ידוע, שהחילים הרוסים שמחים יותר מאנשי חיל אחרים".

**נ.** אות ה', בא"ד: "**וזהו הענין מה שהיו נוהגין כל הצדיקים הגדולים המפורסמים שהיו בימינו שעל פי רוב היה להם אנשים שהיו כמו בדחנים, והיו עושים לפניהם כל מיני צחוק ושטות כמפורסם. והכל בשביל שמחה, כי אין דבר מזיק לעבודת ה' כמו העצבות, כמובא בכל הספרים הקדושים.** ומגודל מרירת וצרות הגלות המר הזה בגוף ונפש וממון אי אפשר להיות בשמחה כי אם על ידי מילי דשטותא דייקא כנ"ל. וזה בחינת מילי דבדיחותא שהיו נוהגים התנאים ואמוראים הקדושים קודם הלימוד כדי לבא לשמחה על ידי מילי דבדיחותא שהם מילי דשטותא דייקא. וזהו בחינת מה שכתוב בזהר הקדוש (ויקרא דף מז.) שרב המנונא סבא הוה מסדר קמי חבריא פרקא דמילי דשטותא, היינו כנ"ל. כי עיקר גלות ישראל שהוא גלות השכינה, עיקר הגלות הוא מה שהעצבות, שהם הסטרא אחרא והקליפות, מתגברין על ישראל ואינם מניחים אותם לשמוח בה' ובתורתו הקדושה, כמבואר בהתורה אמצעותא דעלמא הנ"ל (סי' כ"ד). שזהו עיקר גלות השכינה שהוא שמחתן של ישראל. שעיקר גלותה כשהעצבות מתגבר עליה, דהיינו על ישראל חס ושלום, עיי"ש".

**ועכשיו...**

דאס איז טאקע דער גאנצער ענין פון שמחת פורים: **מרומם זיין דער מח, זיך דערוועקן, דערוועקן אין זיך כוחות הנפש צו זיך באנייען, מחדש זיין!**

אז דער רבי האט געזאגט: **"און היינט" "ועכשיו"**[נא] און מען האט פארשטאנען אז 'ועכשיו איז (כל) ההתחלות מפורים'[נב], האט דער רבי געהאט א געוויסער סוד פארוואס ער האט עס נישט ארויסגערעדט, מען זאל עס אליין פארשטיין. 'ראשית כל' איז עס טאקע א גמרא אויך, אז "קימו וקיבלו" - פשטות קבלת התורה (- שקיבלו **מחדש** את התורה). אבער דער רבי האט געהאט א כוונה פארוואס ער האט עס נישט ארויסגערעדט אז היינט איז די התחלות פון פורים.

פשט איז: "התחלה" - אין דער שמחה פון פורים דארף זיין אַן התחלה - אַן התחלה פון שמירת הברית, אַן התחלה אין אמונה, אַן התחלה אין מלחמה לה' בעמלק מדור דור; **היינט הייבט זיך עס אָן, סיי די מלחמה, און סיי די הצלחה!**

עס איז טאקע דא נאך א סוד פון "נכנס יין יצא סוד", נאך אַן ענין פון נכנס יין יצא סוד - און דאס איז דא ביי יעדן מענטשן.

עס שטייט פון אר"י הקדוש – מען זעהט טאקע אויך בכלל - דער אר"י הקדוש זאגט: אז דער מרדכי איז געווען אזוי גרויס - אז מרדכי

---

**נא.** בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ד "אחר פורים קורין פר' פרה" מדובר שם ענין פורים קודם פסח, ומסיים שם סוף בסופו: **"כי בתחילה היו כל ההתחלות מפסח, ועל כן כל המצוות הם זכר ליציאת מצרים. ועכשיו, (ולא סיים)".**

**נב.** עי' בליקוטי הלכות ברכת הריח ה"ד, אות כ"ה: **"כי עכשיו ההתחלה של הגאולה ותיקון כל העולמות הוא מפורים.** כמו שמובן מרמזי דיבוריו הקדושים של רביז"ל בעת שאמר התורה על פסוק מ'מצרים ו'לא י'ראו פ'ני ר'יקם שהוא ראשי תיבות פורים. שאמר אז "כי מתחלה היו כל ההתחלות מפסח שהוא יציאת מצרים. ועכשיו וכו' ופסק באמצע ולא סיים דבריו". **ומתוך דבריו הבנתי שעכשיו ההתחלה מפורים. שהוא מחיית עמלק שהיא עיקר הגאולה של משיח!".**

איז געווען בחינת 'משה בדורו' וואס אלע אידן זענען געווען כלול אין אים, און זיין אור איז 'יסוד', יסוד פון חכמה עילאה[נג]. דערפאר, אמאל האט מען נישט געגעבן קיין נאמען, קיין טיטל. די אנשי כנסת הגדולה זענען געווען די מוסמכים וואס 'כל התורה המצויה בידינו מאנשי כנסת הגדולה' - זיי זענען אלע געווען קדושים וטהורים; אז מען גיט איינעם א טיטול "צדיק"[נד] - "צדיק מאן דנטר (ברית"[נה]), איז ער א חידוש נפלא שאין כמוהו. אמאל האט מען נישט געגעבן קיין טיטלען. ווייל דער אור, זיין שורש נשמה האט אנגעהויבן צו שיינען פון ספירת "היסוד", מיט אזא מין גוון, אז ס'איז ארויסגעגאנגען לחוץ און ס'האט געמאכט ליכטיג אלע - גאנץ כלל ישראל, ס'האט געמאכט ליכטיג אלע אלע מוחין, דאס האט געמאכט א קבלת התורה, דאס האט געמאכט א (קימו וקבלו) באהבה; **דער גאנצער פורים איז דער אור הצדיק ממש!**[נו]

דער אר"י הקדוש זאגט: אז דאס איז מרומז אין "**וּמָרְדֳּכַי יָצָא מִלִּפְנֵי הַמֶּלֶךְ בִּלְבוּשׁ מַלְכוּת תְּכֵלֶת וָחוּר וַעֲטֶרֶת זָהָב גְּדוֹלָה וְתַכְרִיךְ בּוּץ וְאַרְגָּמָן**"[נז]

---

**נג.** פרי עץ חיים, שער ר"ח חנוכה ופורים, פרק ו'.

**נד.** עיין מגילה י': "מרדכי הצדיק".

**נה.** זוה"ק פר' נח נט:

**נו.** עי' בספה"ק ליקוטי הלכות, הל' מתנה ה"ג, אות י"א: "בפורים נתגלה אור גדול מאד מאד שאינו נתגלה בשום זמן, והאור הזה הוא בחינת מרדכי אשר בשום זמן אין האור הגדול הזה בחינת מרדכי נתגלה כל כך כמו בפורים, כמבואר בכוונות, שזה סוד "**ומרדכי יצא מלפני המלך**", עיי"ש בכוונות, **היינו שאז בפורים אנו זוכין שנתגלה אור הצדיק האמת שבכל דור ודור בהתגלות גדול מאד**, בבחינת ומרדכי יצא וכו', כי אנו זוכין על ידי קדושת פורים שיתגלה לנו אור הצדיק האמת שנזכה לידע האמת לאמיתו ולהכניע הראש כל חוצות. **ואז זוכין להתקרב הכל לה' יתברך אפילו הרחוקים מאד מאד מן הקדושה בבחינת ורבים מעמי הארץ מתיהדים וכו', כי כשנתגלה האמת ויודעין מצדיקים אמיתיים אזי הכל יכולין להתקרב לה' יתברך!**".

**נז.** אסתר ח, טו.

- דאס איז מוחין[נח], **"וְהָעִיר שׁוּשָׁן צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה"**, דאס איז געווען מרדכי אליין.

על כל פנים, איז דא נאך א נקודה פון 'נכנס יין יצא סוד': **עס איז דא ביי יעדן איינעם באהאלטענע כוחות הנפש פון שמירת הברית, פון אמונה, פון אזעלכע כוחות אדירים וואס איז הפלא ופלא!!**[נט] און דער בעל דבר איז דאס מעלים, ער לאזט עס נישט דערוועקן. דער אר"י הקדוש זאגט[ס], אז דאס איז דער סוד פון "עד דלא ידע". דער סוד פון דעם איז, אז ס'איז דא באהאלטענע כוחות דקדושה נעלמים, און מען קען זיי נישט געבן קיין שפע. פארוואס? ווייל אז מען גיט זיי שפע, כאפט עס די סטרא אחרא צו. (אבער) דער "עד דלא ידע" פארטומלט זיי, און די שפע גייט צו דער נקודה, די נקודה דערוועקט זיך, עס ווערט דערוועקט!

דאס איז דער ענין פון "לבסומי בפוריא" - צו דערוועקן די כוחות אדירים וואס מען האט אין זיך, עס זאל זיך דערוועקן, נכנס יין יצא סוד, **דער סוד פון דעם אייגענעם גרויסקייט וואס מען האט אין קדושה, אין עבודה, אין אמונה!**

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן אז דאס זאל זיך דערוועקן, און בזכות דעם זאלן מיר זוכה זיין אז עס זאל זיין טאקע פון אונזער

---

**נח.** פרי עץ חיים, שם.

**נט.** עי' בספה"ק שיחות הר"ן, נ"א: "**והשכל של האדם יכול לעמוד כנגד כל התאוות.** כי הקדוש ברוך הוא יהב חכמתא לחכימין. **כי יש לכל אחד חכמה בכח, רק שצריכין להוציאם מכח אל הפעל.** ובזה השכל לבד שיש לכל אחד בכח חכמתו דהיינו מה שיש לו מעצם בריאתו, מלבד מה שהשם יתברך מוסיף ליתן חכמה לחכימין, בכח חכמתו לבד יכול גם כן לעמוד כנגד התאוות. **ואפילו מי שכבר נמשך אחר תאוות עולם הזה ועבר מה שעבר, ונפגם שכלו ונתבלבל ונתמעט, אף על פי כן במעט מעט שכל הנשאר יכול גם כן לעמוד. ואפילו נקודה אחת מן השכל יכולה לעמוד כנגד כל העולם עם התאוות!**".

**ס.** בפרי עץ חיים, שם.

פורים - "פורה דרכתי לבדי", עס זאל זיין "ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ" "והיה ה' למלך על כל הארץ!"

# ברכת מזל טוב

לכבוד האברך החשוב, בר אוריין, היושב באהלה של תורה, נועם הליכות איש תבונות

ה"ה

**מוה"ר אליעזר זוסיא שווארטץ הי"ו**

**שנדב סכום הגון**

**לרגל הולדת בנו נ"י למזל טוב**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שירווה רב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצאי חלציו, ומשמחה זו ישפע שפע רב לנו ולכל ישראל כל הימים, אמן.

# התודה והברכה

להני נדיבים בעם, שמרוב טוב לבם, נטלו חלק בהוצאות המרובים.

מוה"ר **יואל זאב ווייסמאן** נ"י

מוה"ר **צבי בוקסבוים** נ"י

מוה"ר **בעריש קויפמאן** נ"י

מוה"ר **יודא ארי' מיללער** נ"י

מוה"ר **ליפא רובין** נ"י

ולזכות **יהושע זאב** בן **חיה שרה** נ"י

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דבזכות זה יזכו לרב טוב הצפון, להם ולזרעם עד עולם, אמן.

# "יאמץ לבך"

**רבש"ע יעדע איד איז ביי דיר חשוב אזוי ווי א בן יחיד! אלע אלע! אפילו א גרוע שבגרועים! יעדער איינער איז ביי דיר חשוב אזוי ווי א בן יחיד!** רבש"ע אונז זענען מקיים 'לבסומי בפוריא', רבש"ע זייט אויכט מקיים לבסומי בפוריא, זיי ממתיק דינים! זיי ממתיק דינים! זיי ממשיך אויף אונז די יין המשמח! מיר זאלן זיין תמיד פריילאך!

(מתוך דברי געגועים ממורינו הגרי"מ שליט"א בסעודת משתה היין שנת תשס"ו)

~ ~ ~

רבי דניאל פריש עליו השלום (בעל מתוק מדבש) האט מיר אמאל געוויזן אינמיטן גאס פונעם רמ"ק; אז פאר משיח'ן וועט זיין א גלות פרטי – יעדער איינער וועט זיין אין זיין גלות! א גלות רוחני! א גלות גשמי!

און דאס איז מקרב די גאולה, ווייל יעדער איד איז א חלק אלקי ממעל! און דער רבי האט מגלה געווען א רחוק שברחוק, א פחות שבפחותים, א חוטא, א גרוע שאין גרוע אחריו – איז מקושר צום אויבערשטן!!

**ער זאל בענקען און שרייען מעומקא דליבא!! וועט ער האבן א תיקון בודאי! ס'וועט אים בודאי ווערן ליכטיג!!**

(מתוך סעודת משתה היין שנת תשס"ט)